# פרשת אחרי א׳ ט׳ - כ״ב ניסן תשע״ט לפ״ק

***יום ראשון פרשת אחרי א׳***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **חיים הערש שטיינבערג** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט״א** האפשערן של בן הר״ר **שלום הערשקאוויטש** הי״ו.

*

***יום שני פרשת אחרי א׳***

בשעות הצהרים עסק **רבינו שליט״א** בטחינת החיטים למצות מצוה למשך זמן.

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי כיתה ט׳ של התלמוד תורה בוויליאמסבורג, **ורבינו שליט״א** השמיע לפניהם מדברות קדשו.

***וזה תוכן הדברים:***

**עס** איז געווען א לאנגער זמן, א עיבור יאר, און מען האט געקענט מער אנקומען. איך האב באקומען שיינע גריסן, אז די בחורים האבן זיך שיין צוגעשטעלט. איך האב באקומען אויף משלוח מנות די שעות רצופות וואס מען האט געלערנט, עס איז געווען זייער א שיינע משלוח מנות. [מען מעג עס שיקן אפילו אן פורים אויך. ווען עס איז דא א חבורה פון שעות רצופות, איז עס ביי מיר זייער חשוב, אפילו אינמיטן יאר אויך]. מען האט פאר קיינעם נישט קיין טובה געטון, נאר פאר זיך אליין. ווען עס גייט אדורך א ווינטער און מען האט פלייסיג געלערנט, פילט מען זיך גליקליך אז מען איז אנגעקומען, און מען קען, און מען האט קונה געווען נאך א פרק, און די אנדערע לימודים וואס מען האט געלערנט. ווען מען לערנט פלייסיג, האט מען פאר זיך אליין די מערסטע אויפגעטון. און כל שכן די נחת רוח וואס מען גיט פאר עלטערן, עס איז א חלק פון כיבוד אב. ווען מען לערנט פלייסיג, און די עלטערן הערן צוריק, און זיי זעהן, אז א בחור פירט זיך איידל און ערליך, איז עס די גרעסטע תענוג וואס עלטערן קענען האבן, און אויף דעם פלאגן זיי זיך.

**יעצט** קומט א שטיקל הפסקה, כמעט צוויי וואכן וואס עס וועט נישט זיין קיין חדר. מען קען עס אויסנוצן זייער שיין, און מען קען עס אויסנוצן זייער נישט גוט. מען האט א בחירה. מען קען גיין ליידיג פון צופרי ביז ביינאכט, און אז מען גייט ליידיג קלעבן זיך אן אנדערע זאכן וואס מען דארף נישט צוקומען דערצו. דער יצר הרע שלאפט נישט, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, און אז מען האט נישט די תורה, ווייסט מען קיינמאל נישט וואו מען קומט אן. און מען קען עס אויסנוצן אויף זייער א שיינעם וועג. **וואס מען האט געטון אין חדר ביז יעצט, אזוי דארף מען אנהאלטן זיין סדר היום ווען מען איז נישט אין ישיבה.** אזוי ווי ער איז אויפגעשטאנען, אזוי דארף ער יעצט אויפשטיין. אזוי ווי ער האט געדאווענט דעמאלטס, אזוי דארף ער יעצט דאווענען. מען איז מיד, מען האט געהאלפן אמאל, קען מען זיך אראפלייגען נאכמיטאג. אבער דער סדר היום פון א בחור דארף זיין אזוי ווי א גאנץ יאר, נאר ביז יעצט איז עס געווען מיט א עול, מען איז געשטאנען אויפן קאפ, און יעצט דארף מען עס טון אליין, אנדעם וואס מען זאל הייסען. יעדער האט א וועקער זייגער, מען איז צוגעוואוינט אויפצושטיין, אזוי דארף מען אויפשטיין ווייטער, און דאווענען מיט א מנין געהעריג, נישט שפעט דאווענען. און די איבריגע צייטן, אזוי ווי מען האט סדרים אין חדר, אזוי דארף מען האבן א סדר מיט א חברותא. זיך אריינזעצן אין בית המדרש, עטץ זענטס שוין בחורים, עטץ זענטס שוין נישט קיין קינדער, און לערנען.

**א** גאנץ יאר קומט וויינעג אויס מקיים צו זיין כיבוד אב ואם, צו העלפן אין שטוב. מען בעהט קיינמאל נישט פון א קינד צו העלפן, און מען טוט אלעס אליין. מען שיקט ענק אוועק פון שטוב, גייטס אין חדר לערנען. אבער יעצט איז א צייט וואס מען קען מקיים זיין כיבוד אם ווי עס דארף צו זיין. **מען דארף העלפן אין שטוב, און נישט אפזאגן. נישט זאגן מארגען, איבערמארגען, שפעטער, נאר ווען מען הייסט, דארף מען תיכף פאלגען. תיכף ווען מען האט געהייסען, דארף מען טון וואס מען דארף טון.** מען גיט צו אסאך הילף אין שטוב ווען מען פאלגט תיכף. און יעדע רגע וואס מען טוט, איז מען מקיים א

מצוה. ווען מען בעהט א שווערע זאך, איז נאך גרעסער די מצוה. לפום צערא אגרא (אבות ה-כג), ווי שווערער די מצוה קומט אן, האט עס מער חשיבות.

**עס** קומט פסח ביים סדר, דארף זיך יעדער צוגרייטן דברי תורה. נישט זיצן ביים טיש און נאר הערן וואס דער טאטע זאגט, נאר מען דארף קענען מיטהאלטן די סדר. די מאמע וויל הערן ווי אזוי א קינד זאגט דברי תורה. זיך געהעריג צוגרייטן, וויסן ווי אזוי עס אראפצולייגען, מסדר זיין די ווערטער וואס מען זאגט, דעמאלטס האט דער יום טוב א יום טוב'דיגער שמחה.

**עס** קומט חול המועד מען וויל זיך אביסל צושטרייען, דארף מען שטארק אכט געבן אויף די פלעצער וואו מען גייט. אסאך פלעצער זענען נישט אויסגעהאלטן אז מען זאל זיך דרייען דארט. מען דארף אייביג זוכן די בעסטע און די שענסטע וועג, ווי איידעלער דאס איז, ווי ערליכער עס איז, אהין זאל מען אנקומען.

**די** שבתים. איך זאג עס מערערע מאל, און איך זאג עס נאכאמאל איבער. ווען עס קומט שלש סעודות, סיי די בחורים וואס דרייען זיך דא, און אפילו די בחורים וואס זענען ערגעץ אנדערש, **שלש סעודות דארף זיין א שעה וואס מען שמועסט נישט, און מען דרייט זיך נישט ארום. מען דארף זיצן ערנסט, און זינגען זמירות.** וואו מען איז, דארף מען מיטהאלטן די שלש סעודות. כאטש די איינע שעה פונעם שבת זאל זיין א ערנסטע שעה, וואס מען זיצט און מען זאגט שירות ותשבחות פארן אייבערשטען, און זיך צוזאמקלויבן פרישע כוחות.

**פסח** גייט שנעל אדורכגיין, עס קומט נאכדעם ווייטער די זומער, וואס דעמאלטס דארף מען איבערחזר'ן אלעס וואס מען האט געלערנט ביז יעצט, און קענען וואס מען האט געלערנט. ווען עס גייט אדורך א יאר, וואס מען האט קונה געווען, דארף מען עס קענען. ושננתם לבניך (דברים ו-ז), שיהיה דברי תורה מחודדים בפיך (קידושין ל.), עס זאל זיין מחודד אין מויל, מען זאל קענען יעדע בלאט גמרא וואס מען האט געלערנט, קענען נאכזאגן די שקלא וטריא, די קשיא מיט די תירוץ, רש"י און תוספות, אזוי דארף מען זיך איינ'חזר'ן, און קענען איין מסכתא, און נאכדעם די צווייטע מסכתא.

**זאל** דער אייבערשטער העלפן, אז עטץ זאלטס האבן א פרייליכע לוסטיגע יום טוב, און קענען אויסנוצן די טעג ווי עס דארף צו זיין. קונה זיין פון די טעג אסאך קדושה און טהרה וואס יעדע יום טוב ברענגט מיט זיך מיט. און אז מען נוצט עס אויס ווי עס דארף צו זיין, ברענגט עס א געוואלדיגע התעלות פאר א בחור אויף שפעטער אויך. זאלן מיר אלע האבן א פרייליכע לוסטיגע יום טוב אי"ה, און מיר זאלן הערן גוטע בשורות.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **חיים הערש שטיינבערג** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל.

*

***יום שלישי פרשת אחרי א'***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יחזקאל שרגא גאלדענבערג** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***יום רביעי פרשת אחרי א'***

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של הר"ר **יוסף דוד** (ב"ר יוחנן אליעזר) **כ"ץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **נחמיה זילבערבערג** הי"ו.

*

***יום חמישי פרשת אחרי א'***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אברהם אבאניישטיין** הי"ו (חתן הרב משה יעקב פישער שליט"א). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר כך השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** שטייט פארן יום טוב פון פסח, רש"י (שמות יב-ו) ברענגט צו דעם פסוק (יחזקאל טז-ז) ואת ערום ועריה, יודען האבן נישט געהאט קיין זכותים אז מען זאל קענען ארויסגיין פון מצרים, ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך, ואומר לך בדמיך חיי בדמיך חיי. דער באשעפער האט זיי געגעבן צוויי מצות, דם פסח און דם מילה, און מיטו דעם דם, חיי, וועסטו

קענען לעבן. עס קען אפשר זיין א ענין פארוואס דער באשעפער האט געגעבן מצות מילה דעמאלטס ווען מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים.

**דוד** המלך זאגט (תהלים פא-יא) אנכי ה' אלקיך המעלך מארץ מצרים, איך בין דער גאט וואס האט דיר ארויסגענומען פון מצרים, הרחב פיך, עפן אויף דיין מויל, ואמלאהו, און איך וועל עס אנפילן. איך האב געהערט אמאל טייטשן, אז דער פשט דערפון איז, א יוד וויל אמאל עפעס בעטן פונעם אייבערשטען, און ער פילט זיך נישט גענוג בכח מיט זיינע מעשים, אז ער זאל זיין ראוי אז ער זאל זיך קענען שטעלן מתפלל זיין פארן אייבערשטען, און בעטן וואס ער דארף צו האבן. ער שפירט אז עס איז דא אזא מרחק צווישן אים מיטן רבונו של עולם. זאגט דער אייבערשטער, ווען יודען זענען געווען אין מצרים, זענען זיי געווען אין א ערגערע מצב פון וואס דו ביסט. זיי זענען געווען אין די מ"ט שערי טומאה, ולא יכלו להתמהמה, מען האט שוין נישט געקענט בלייבן לענגער, און קוק וואס איך האב געטון, איך האב ארויסגענומען יודען פונעם טיפסטן פלאץ וואו זיי זענען געווען, און זיי זענען צוגעקומען צו א רום המעלה, וואס יודען זענען געווען דעמאלטס, די דור המדבר, און איך מיין אז דו ביסט נישט ערגער פון זיי. אז איך האב זיי געקענט ארויסנעמען, קענסטו אויך רעדן צו מיר, און וואס דו וועסט פארלאנגען וועל איך דיר געבן. אנכי ה' אלקיך המעלך מארץ מצרים, דו האסט געהאט א עליה פון ארץ מצרים, פונעם נידריגסטן פלאץ ביסטו נתעלה געווארן, איז הרחב פיך ואמלאהו, דארפסטו זיך נישט צוריקהאלטן פון מתפלל זיין און בעטן. עפן דיין מויל, און איך וועל עס אנפילן.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז אין מצרים איז דער דיבור געווען אין גלות. וואס מיינט אז דער דיבור איז געווען אין גלות? יודען האבן זיך אנגעקוקט, ואת ערום ועריה, זיי זענען געווען שטופים בעבודה זרה. נישט קיין גשמיות, נישט קיין רוחניות. מען האט געלעבט אזוי, אן קיין שום ציל אינעם לעבן. זיי האבן זיך געפילט אזוי ווייט פונעם אייבערשטען, אז זיי האבן נישט געהאט קיין דיבור אין מויל, זיך אראפצושטעלן דאווענען און רעדן און מתפלל זיין, האבן א קשר. עס איז געווען אזא מרחק, און אזא הסתרת פנים. איז די דיבור געווען אין גלות אין מצרים. די דיבור וואס א יוד האט געדארפט רעדן צום אייבערשטען, איז געווען אין א בחינה פון א גלות.

**ווען** דער אייבערשטער האט אונז געגעבן מצות מילה, האט דער אייבערשטער מצווה געווען מילה פאר אברהם אבינו. מילה איז א ברית, א ברית מאכט מען מיט צוויי גוטע פריינד. אברהם אבינו איז בן מ"ח שנים הכיר את בוראו (ב"ר סד-ד), ער האט אפגעלעבט אויף דעם וועלט פופציג יאר, און ער האט נישט געוואוסט אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט. וואלט זיך ענדערש געפאסט אז מען זאל געבן די ברית פאר יצחק אדער יעקב, זיי זענען שוין געבוירן געווארן בקדושה, זיי זענען געווען קדושים וטהורים זייער גאנץ לעבן, מיט זיי זאל דער אייבערשטער כורת זיין א ברית. און דער אייבערשטער האט כורת געווען א ברית מיט אברהם, צו ווייזען אז אפילו א מענטש איז אדורכגעגאנגען פופציג יאר, און עס איז לא הכיר את בוראו, פון דעסטוועגן דאך קען דער אייבערשטער מיט אים כורת זיין א ברית. האט דער אייבערשטער כורת געווען א ברית מיט אברהם, צו ווייזען אז עס איז נישט קיין חילוק ווי אזוי דער יוגנט איז געווען, אייביג קען מען נתקרב ווערן צום אייבערשטען.

**ווען** יודען זענען ארויס פון מצרים, האבן יודען געטראכט, ווי אזוי קען זיין אז אונז זאל מיר קענען צוריק נתקרב ווערן צום באשעפער. האט דער אייבערשטער זיי געגעבן מצות מילה, וואס מצות מילה האב איך מצווה געווען פאר אברהם אבינו. די ברית האב איך געמאכט מיט איינעם וואס האט יארן נישט געוואוסט אז עס איז דא א בורא עולם אויף די וועלט. און דער אייבערשטער קען זיך אויסגראדן מיט יעדן איינעם.

**'דם'** האט צוויי טייטשן, דם איז טייטש בלוט, און שטיל זיין ווערט אויך אנגערופן דם. וידום אהרן (ויקרא י-ג), דום לה' והתחולל לו (תהלים לז-ז). דער אייבערשטער האט געזאגט, ואעבור עליך, איך בין אריבערגאנגען אין מצרים, ואראך, און איך האב דיר געזעהן, מתבוססת בדמיך, דו וואלגערס דיך אין א שטילקייט, דו האסט נישט קיין כח און קיין דיבור צו רעדן צום אייבערשטען. האב איך דיר געגעבן מצות מילה, צו ווייזען אז אפילו ווען מען איז אכט און

פערציג יאר אלט, און עס איז לא הכיר את בוראו, פון דעסטוועגן דאך קען א יוד נאנט ווערן צום אייבערשטען. ואומר לך, און איך האב דיר געזאגט, בדמיך, אין די מצוה פון מילה וואס איך געב דיר, חיי, מיט דעם קענסטו לעבן. פארדעם האט דער אייבערשטער אונז געגעבן מצות מילה דעמאלטס ווען מען איז ארויס פון מצרים, צו ווייזען אז יעדער יוד, אין וואס פאר א מצב ער איז, איז ער נישט ערגער פון וואס מען איז געווען אין מצרים, און פון דעסטוועגן דאך קען ער זיך מקרב זיין צום אייבערשטען.

*

בשעות אחר הצהרים מכר **רבינו שליט"א** את החמץ להגוי, בנוכחות **הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א, הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי, **הרה"ג רבי אפרים צבי ראזענבערג שליט"א** דומ"ץ צמח צדיק וויזניץ וומסב"ג.

כעשרים דקות אחר השקיעה הלך **רבינו שליט"א** לשאיבת מים שלנו על יד בית האופה דסאטמאר (בראדוועי). בעת השאיבה אמר **רבינו שליט"א** אותיות הא"ב כמבואר בספר **קב הישר** (פרק צ'). אחר כך שאבו בני המשפחה ואנשי שלומינו שנוכחו במקום.

*

***ערב שבת קודש - ערב פסח***

בשעת חצות הלך **רבינו שליט"א** לאפיית מצות מצוה בבית האופה דסאטמאר (בראדוועי). אחר **שרבינו שליט"א** נתן המים להקמח לשם מצות מצוה, פתח באמירת הלל בהתעוררות עצומה ובבכי רב. **רבינו שליט"א** המשיך גם בהכנסת המצות לתנור ברגשי קודש.

*

***שבת קודש - יום א' דפסח***

בליל א' דפסח זכו מספר מצומצם מבחורי אנ"ש להסב אצל הסדר של **רבינו שליט"א. רבינו שליט"א** השמיע לפניהם בתוך הדברי תורה דברי הדרכה והתעוררות (נדפס בגליון דברי תורה).

*

***יום שני – א' דחול המועד***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של הרבנית הצדיקת מפאפא ע"ה (אלמנת כ"ק **אדמו"ר בעל ויחי יוסף מפאפא זצ"ל**).

***יום רביעי - ג' דחול המועד***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לביקור אצל מחותנו **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א.**

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** איך בין געקומען פאר צוויי זאכן. קודם האב איך א שמחת יום טוב אז מען זעהט זיך, און נאכדעם אז עס איז א פנים חדשות... (בחיזוק כוחותיו אחר שעבר ניתוח לאחרונה).

**האדמו"ר ממונקאטש:** איך אנטשולדיג זיך פארן לאזן ווארטן אפאר מינוט, עס איז נישט מיין דרך. אזוי ווייסט מען אז מען איז מקיים צוויי מצות. אזוי קומט מען לכבוד המועד, אבער יעצט זעהט מען אז עס איז נאך דא א מצוה פון ביקור חולים אויך.

**רבינו:** חולה מיינט נישט אייביג חולה. די גמרא (ראש השנה טז.) זאגט אז קצירי ומריעי גייט ארויף אויף תלמידי חכמים.

**האדמו"ר ממונקאטש:** אין הכי נמי, אזוי זאגט די גמרא, כמאן מצלינן האידנא אקצירי ומריעי, כרבי יוסי. אבער דא איז אויך פשוט, איך האב דאך אדורכגעמאכט די גאנצע זאך.

**רבינו:** עס איז נישט גרינג.

**האדמו"ר ממונקאטש:** עס האט מיר געפרעגט דא איינער א רב, אז עס איז דא אסאך מענטשען וואס ליידען דערפון, צו איך וואלט היינט גע'עצה'ט אז מען זאל מאכן אזא אפעראציע. איך קען נאך נישט ענטפערן, עס איז א שווערע דורכגאנג, אבער מען האפט אז דער סוף איז גוט.

**רבינו:** מען זאל פרעגן די שאלה אין א חודש ארום, נישט יעצט. וועט דער רבי שוין אנדערש ענטפערן.

**האדמו"ר ממונקאטש:** דעם יאר וועט זיין הערשעלע'ס בר מצוה (בן **הרב יהושע שליט"א**), בשורה טובה תדשן עצם.

**רבינו:** איך הער אז מען איז אריינגעקומען אין בית מדרש יום טוב, מען איז געגאנגען צו פוס צום דאווענען.

**האדמו"ר ממונקאטש:** דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן. עד הנה עזרונו רחמיך...

**רבינו:** איך האב א ראיה אז עס איז געווען א שינוי לטובה, ווייל אז מען קומט אריין פרי צום דאווענען (בימי חוה"מ), איז א סימן אז עס האט עפעס געהאלפן. - אסאך מאל רבי'ס קומען אריין שפעט צום דאווענען, ווייל זיי קענען זיך נישט אויסרישן געהעריג. און אסאך מאל איז עס עבר ושנה נעשה לו

כהיתר. אבער ווען מען זעהט אז ווען מען איז געזונט קומט מען באצייטנס, ווייסט מען צו שעצן אז ביז יעצט איז געווען א סיבה.

**וכיבד את רבינו לברך על הפירות**

**האדמו"ר ממונקאטש:** איך האב געהערט דעם יום טוב וואס איז דער חיוב יעדעס מאל פון מכסין המצות ומגלין המצות. פארוואס ברויך עס צו זיין אזוי, אויף דעם סדר. נאר דער פשט איז, אז יעדע מאל וואס עס איז א זאך פון סיפור יציאת מצרים, איז מען מגלה די מצות. ווייל עס ברויך צו זיין לחם עוני (דברים טז-ג), לחם שעונין עליו דברים הרבה (פסחים לו.). און לויט איין מאן דאמר (פסחים קטז.) איז די עיקר פון עבדים היינו. ביז והיא שעמדה האט מען שוין יוצא געווען סיפור יציאת מצרים, און ביי והיא שעמדה זאגט מען שוין שירה לויט דעם מאן דאמר. און שירה זאגט מען על היין, איז מען מכסה די מצות. נאכדעם הייבט מען אן לויטן צווייטען מאן דאמר, וואס האלט פון מתחלה עובדי עבודה זרה היו אבותינו, איז מען ווייטער מגלה די מצות, ביז גאל ישראל, וואס גאל ישראל איז ווייטער שירה, איז מען ווייטער מכסה די מצות, יעדע זאך איז נישט סתם. איך האב עס שוין פאראיאר דורכגעארבעט. מען איז מגלה די מצות ווען עס איז סיפור יציאת מצרים, און ווען עס איז שירה און א הודאה אויף דעם, זאגט מען עס אויף יין.

**בנו ר"י מונקאטש:** עס איז דא מנהגים אין דעם, צו ביי די ערשטע צוויי שטיקלעך הלל, איז מען מכסה די מצות.

**האדמו"ר ממונקאטש:** איך האב נישט געטראפן פארוואס יא אדער פארוואס נישט. די שאלה איז, צו עס גייט צוריק צו סיפור יציאת מצרים, צו עס איז א שבח פון יציאת מצרים. אויב עס איז שבח האט עס נישט מיט סיפור יציאת מצרים, פעלט נישט אויס לגלות המצות. ביי די צווייטע העלפט הלל, איז שוין נאך דעם אפיקומן, איז שוין נישט דא די חיוב פון מצה. די גאנצע סדר איז אויסגערעכנט ווען עס איז מגלין המצות, און ווען עס איז מכסין המצות. צו מען איז יוצא יעצט די מצוה פון סיפור יציאת מצרים, צו מען זאגט שירה אויף די סיפור יציאת מצרים.

**רבינו:** דער אמת איז, אז אמאל איז אויסגעקומען אז פון די דריי מצות האט מען געקענט געבן פאר די גאנצע בני הבית, אזוי קוקט אויס אין חז"ל'ס צייטן. היינט קומט דאך נישט אויס אז מען זאל קענען פון דעם געבן פאר די בני בית, מוז מען דאך נעמען אנדערע מצות אויך. איז דאך לכאורה פאר די בני בית, דארף דאך אויך זיין לחם עוני, שעונין עליו דברים הרבה. און אז ביי רחצה ברענגט ער אריין א באקס מצות פאר די כזיתים, און דאס איז נישט געווען אויפן טיש, פעלט ביי זיי דעם עונין עליו דברים הרבה.

**האדמו"ר ממונקאטש:** איך בין אלס מקפיד אז מען זאל יא שיקן פון די מצה.

**רבינו:** אבער עס קומט דאך נישט אויס גענוג צו עסן א כזית דערפון.

**ר"י מונקאטש:** ביי די ווייבער לייגט מען דאך אויך א עקסטערע קערה.

**האדמו"ר ממונקאטש:** אבער איך ווייס נישט צו זיי נעמען פון די קערה. איך שיק אייביג א שטיקל פון די קערה וואס מען האט געזאגט דערויף סיפור יציאת מצרים, און מען נעמט צו נאך.

**הרב רבי יהושע:** דער **ויגד משה** (סימן ב' אות ב') רעדט פון דעם, אז עס זאל זיין אין שטוב אלע מצות.

**ר"י מונקאטש:** לפי זה דארף מען מאכן פון דעם א פרוסה אויך.

**רבינו:** א פרוסה איז גענוג פאר די מוציא.

**ר"י מונקאטש:** די מנהג וואס מען מאכט יחץ זאגט דער **שלחן ערוך הרב** (סימן תע"ג סעיף ל"ו), אז אונז מאך מיר יחץ איידער מען הייבט אן מיטן סיפור יציאת מצרים, ווייל ווען עס איז לחם שעונין עליו דברים הרבה, מוז עס שוין זיין ראוי אויף מקיים צו זיין די מצוות, און די מצוה פון מצה איז בפרוסה[א].

**רבינו:** איך האב געזעהן דעם יום טוב, אז יחץ ווערט אינגאנצן נישט דערמאנט אין ש"ס, עס ווערט געברענגט נאר אין די ראשונים.

**האדמו"ר ממונקאטש:** און עס איז א מחלוקת ווען מען מאכט דעם יחץ. עס איז דא וואס זאגן, אז נאך כרפס, און דער **רמב"ם** (הל' חמץ ומצה ח-ו) זאגט, אז

---

[א] וזה לשונו: אחר שאכלו מהירקות בטיבול, צריך ליקח מצה האמצעית משלשה מצות המונחים לפניו בקערה, ולבצוע מקצתה מטעם שיתבאר וגו', ומקצתה השני צריך להחזירו לקערה וליתן אותו בתוך ב' מצות השלמות כדי לומר ההגדה, לפי שצריך לומר ההגדה על מצה הראוי לצאת בה ידי חובתו, שנאמר (דברים טז-ג) תאכל עליו מצות לחם עוני, ודרשו חכמים (פסחים לו.) שעונין עליו דברים הרבה. ומתוך שנאמר לחם עני חסר וא"ו, דרשו חכמים (שם קטז.) לחם עני, מה דרכו של עני בפרוסה אף כאן בפרוסה, שהמצה שיוצא בה ידי חובתו לא תהיה שלימה אלא פרוסה, ועליה יאמר ההגדה.

מען זאגט עס ערשט ווען מען נעמט די מצה ביים סעודה.

**רבינו:** דאס איז טייטש, אז עס איז געווען דער יחץ נאכן עונין עליו דברים הרבה (לפי שיטת הרמב"ם).

**ר"י מונקאטש:** אונזער מנהג וואס מען מאכט עס אנהייב, איז מען מקפיד אז עס זאל אויך זיין פאר דעם לחם עוני.

**רבינו:** און נאך מער, אפילו אויף די מרור, די גאנצע קערה וואס מען לייגט מרור אויפן קערה, איז נישט נאר צו ווייזען 'מרור זה', נאר ווייל מרור דארף אויך זיין שעונין עליו דברים הרבה. אזוי מיין איך שטייט אין **שלחן ערוך הרב** (שם סעיף כ')[ב]. פון וואו נעמט זיך די קערה? די גאנצע קערה איז נישט נאר די אויסשטעל פון די זיבן מדות. עס איז על פי הלכה, אז וואס מען דארף האבן צו די סעודה גרייט מען צו אין אנהייב.

**האדמו"ר ממונקאטש:** אין די ראשונים איז משמע אז מען האט געגעסן פון די קערה, נישט אז די קערה ליגט, און מען עסט עקסטער.

**ר"י מונקאטש:** אדרבה, די וועג וואו אזוי מען שטעלט עס אויס, איז דאך וועגן אין מעבירין על המצות (**רמ"א** סימן תע"ג סעיף ד').

**האדמו"ר ממונקאטש:** אבער נישט אלע ראשונים האלטן אזוי. ביי אונז בלייבט די קערה אויפן גאנצן סדר, על פי **הארי"**.

**רבינו:** מען האט געגעסן פון די קערה?

**האדמו"ר ממונקאטש:** ניין.

**רבינו:** פון די כרפס אויך נישט?

**האדמו"ר ממונקאטש:** לפי ידיעתי נישט. די אייער האט מען געקענט עסן אמאל.

**רבינו:** די אייער איז שוין ביי די סעודה, און ביי די סעודה האט מען אינגאנצן מסלק געווען די קערה אויף אסאך פלעצער.

ביי אונז האט מען יא גענומען די כרפס און די מרור פון די קערה. מען האט איבערגעלאזט אויך אין די קערה, אבער מען האט אויך גענומען, אויך פון די חרוסת און די חזרת.

**ודיברו אודות מנהגי אכילת המרור והחרוסת**

**רבינו:** איך האב געזעהן דעם יום טוב א פלא אין די הגדה פונעם **ברך משה**, אז ביים פאטער אין סיגוט האט ער נאר געגעסן סאלו"ט צו מרור, און נישט אריינגעלייגט קיין צוריבענע כריין, מיט א קפידא. ווייל אזוי ווי דער **חוות דעת** (בפתיחה לפירוש מעשה נסים להגש"פ) האלט, אז מען דארף עסן גאנצע, און אז מען עסט צוריבענע איז עס נאר א רשות, איז עס מבטל דעם אכילת מרור.

**האדמו"ר ממונקאטש:** דאס איז שוין א פשעטל...

**האדמו"ר ממונקאטש** (פנה להר"ר **הערשל שפיטץ** הי"ו): הערשל האט מיר מזכה געווען דעם יום טוב מיט א ספעציעלע מרור (עלים מיוחדים שגדלים על המים, בלי חשש תולעים).

**הר"ר הערשל:** מען גיט נישט מרור חלילה, מען גיט נאר בלעטליך...

**האדמו"ר ממונקאטש:** עס איז דא א גאנצע איבערקערעניש צו עס איז אמת אדער נישט, די מעשה מיטן **צאנזער רב**, אז ער האט געזאגט א לשם יחוד אויף ונשמרתם מאוד לנפשותיכם[ג].

**רבינו:** עס איז נישט פאר צאנז דאס.

**האדמו"ר ממונקאטש:** ווען מען זאגט עס אויף עפעס א רבי ממילא, אבער עס פאסט נישט אויפן **צאנזער רב**[ד].

---

[ב] וזה לשונו: אחר שאכל הירקות, יביאו לפני מי שאומר ההגדה, ג' מצות של מצוה, כדי לומר עליהם ההגדה, שנאמר לחם עוני, ודרשו חכמים, לחם שעונין עליו דברים הרבה, דהיינו אמירת ההגדה. ועוד נאמר והגדת לבנך ביום ההוא לאמר בעבור זה וגו', בעבור זה לא אמרתי אלא בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך. לפיכך צריך שיהא גם המרור לפניו בשעת אמירת ההגדה, ועוד שצריך לומר עליו מרור זה. ותקנו שיהיה לפניו חרוסת בשעת אמירת ההגדה וכו' ע"ש.

[ג] בספר **טעמי המנהגים** (סימן תקיט) הביא בשם ספר **הואיל משה** (הנדפס בסו"ס סימן ט) **שהרה"ק מצאנז זי"ע** היה מחמיר על עצמו תמיד במצות מרור במסירות נפש לאכול החריין בלתי נמלל, ולעת זקנתו בהגיעו לקיים מצות המרור, אחז המרור בידו ובירך עליו בשם ומלכות, ובהגיע לאמור וצונו סיים הברכה וצונו ונשמרתם מאוד לנפשותיכם, והניח מידו ולא אכל וכו'. ובקונטרס אחרון (שם) כתוב, שקיבל מכתב **מהגאון בעל פתחי זוטא זצ"ל** ששמע מכמה חסידים שהיו בצאנז בשנה האחרונה קודם פטירתו, שאמר קודם אכילת מרור, ידוע שאם יתנו לי כל חללי דעלמא לא אוכל לאכול כזית מרור, עם כל זה כיון שהוא מצוה, נהי שהוא מצוה דרבנן, הנני מוסר נפשי ואוכל, ובירך על אכילת מרור ואכל, ואחר כך בעוה"ר הקיא תיכף. וכן כתוב בספר **דרכי חיים** (שיחות ועובדות אות סח) שנטל כזיתי מצה ומרור ואכלם אף שהיה חולה מאוד ע"ש בארוכה.

[ד] בסוף ספר **דרכי חיים** שהדפיסו בעיר סאטמאר כתב המו"ל **הרה"ג רבי יעקב יצחק בהרה"צ רבי חיים הלברשטאם זצ"ל**

איך האב אויך געזען אין די **הגדה דברי חיים**, אז דער **צאנזער רב** האט אלעס געגעבן פאר געסט, נאר בתנאי אז די גלעזער ווין זאל מען זיך ברענגען פון דער היים. דאס האט ער נישט געגעבן. אזוי שטייט דארט. זעהט אויס אז עס איז געווען נישט אזוי ווי דא וואס גלעזלעך שפילט נישט קיין ראלע.

די קערה מן הסתם איז נישט געווען פאר יעדן איינעם עקסטער א קערה.ביים רבי'ן איז געווען א קערה, און מען האט געוויזען מצה זו.

**כאן הגיע הרה"ח רבי משולם יאקאבאוויטש הי"ו,**
**ואתו עמו הר"ר משה מארגארעטן הי"ו,**
**שעסק הרבה לאחרונה בהעברת החוק לטובת יושבי חושך וצלמות בבתי האסורים**

**האדמו"ר ממונקאטש:** ברוך הבא רבי משולם. מוציא אסורים ופודה ענוים ועוזר דלים, ועונה לעמו ישראל בעת שוועם אליו.

עס האט דעמאלטס אויסגעקוקט ווי א ווילדע זאך, צו גיין טוישען א געזעץ. מען האט געדארפט געלט פאר לויער'ס, און מענטשען האבן געלאכט דערפון. האב איך אים דעמאלטס געזאגט (לר"מ מארגארעטן), ער זאל אנגיין ווייטער, און נישט נתפעל ווערן, און נישט קוקן אויף קיינעם.

**רבינו:** ברוך ה', עס איז א זאך אויף דורות.

א לוסטיגען יום טוב. דער באשעפער זאל געבן לאנגע געזונטע יארן, מען זאל זיך קענען צוזאמקומען מתוך נחת והרחבת הדעת.

**ונפרדו לשלום**

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לבית המדרש סקולען, ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **אלחנן שפיגעל הי"ו** (חתן הר"ר **ישראל אשר פראמאוויטש** הי"ו).

---

מסאטמאר בן **הרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זצ"ל** בזה הלשון: מצוה לפרסם שמה שהדפיסו בסיפורים שונים **שרבינו הק' זי"ע** נטל בידו בפסח קודם הסתלקותו המרור, ובירך עליו וצונו ושמרתם את נפשותיכם, ולא אכל המרור, הוא שקר גמור, רק אכל המרור וגם הכורך, והודה לה' שאפילו מה שהוא רק לזכר אכל. וראה עוד בספר **רבינו הקדוש מראצפערט** (דף רמג) שהביא בשם נכדי הרה"ק מצאנז זי"ע שהכחישו עובדא זו. ובספר **שיר המעלות לשלמה** (דף קט) כתוב כן בשם **הרה"ק מוהר"ש הראשון מבאבוב זצ"ל. ובטעמי המנהגים** (דפוס אשכול) כתוב בשולי הגליון, **שהגה"ק מצאנז קלויזענבורג זצ"ל** הכחיש אימרה זו, ומי שמברך ברכה כזו הרי זה מברך ברכה לבטלה ע"ש.

אחר הברית נכנס **רבינו שליט"א** לביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א.**

***__וזה תוכן השיחה:__***

**האדמו"ר מסקולען:** מען דארף גרויסע ברכות.

**רבינו:** דער טאטע האט איבערגעלאזט א גרויסע ירושה. איך מיין נישט חסד לאברהם, ער האט איבערגעלאזט אסאך יודען וואס דארפן א רבי.

**האדמו"ר מסקולען:** מתי יגיעו.

**רבינו:** דור דור ודורשיו. פאר יעדן דור טוט דער אייבערשטער צושטעלן זיין מנהיג.

**האדמו"ר מסקולען:** מען קען זינגען די זעלבע ניגונים, אבער דאס מסירת נפש...

**רבינו:** עס איז נישט דער ניגון, נאר דאס גוט ווארט וואס מען זאגט פאר א יוד. מען איז אים מחזק און מעודד אין א שווערע זמן, דאס איז די חשוב'סטע פון אלעם. עס איז היינט דא א ציבור וואס זענען רעבים וצמאים לדבר ה'. א ראיה איז, ווייל אויב נישט, וואלט ער נישט געקומען. קיינער צווינגט אים דאך נישט צו קומען. איז א סימן אז ער זוכט עפעס. אז דער אייבערשטער העלפט אז מען קען זיי משפיע זיין תורה און עבודה און יראת ה', ברכות, מיט אלעם, איז עס א גרויסע זאך.

**האדמו"ר מסקולען:** דאס איז א נייע ביזנעס צו געבן ברכות פאר יודען.

**רבינו:** מיט די ברכה קומט צו יראת שמים, עס קומט צו אסאך אנדערע זאכן. עס איז נישט נאר ברכות פון א רבי'ן, דורך דעם איז מען שפעטער מקבל, און מען פירט זיך ערליך.

**האדמו"ר מסקולען:** עס שטייט פון **רבי ר' בונם**, אז דער ירא שמים וואס בעהט נישט אויף פרנסה, איז עס נישט קיין יראת שמים, ווייל עס דארף זיין מיטן יראת שמים[ה].

**רבינו:** עמך ישראל צריכין פרנסה, ודעתם קצרה, עס קומט אמאל א שווערע זמן, א ענגע מצב, און וואס מען קען אים ארויסהעלפן איז א חשיבות. עס איז דא א חסד בממונו און א חסד בגופו. היינטיגע רבי'ס טוען אסאך חסד בגופם. בממונם אויך, אבער בגופם העלפן זיי פאר יודישע קינדער.

---

[ה] ראה בספר **רמתים צופים** (אות קי"א) וזה לשונו: שמעתי ממו"ר **מפרשיסחא זצ"ל**, שמי שמבקש מה' יתברך על יראה ואינו מבקש על פרנסה, זה סימן שגם זה שמתפלל על יראת שמים אינו מאמיתות לבו, שאי אפשר זה בלא זה ע"כ.

**האדמו"ר מסקולען:** דער טאטע זצ"ל הכ"מ האט אסאך געטון אזוי ווי דער רב זאגט חסד בגופו ובממונו. חסד בממונו, עס איז דא א גרויסע קמחא דפסחא, רבי אלתר שמואל סטפנסקי פירט עס אן. און די טאטע איז אלץ פארנומען געווען ביזן זמן, צו זארגען פאר יודען. מען זאל נישט אויסזאגן פארן עסקן אז ער באקומט דא אויך.

**המשב"ק רבי מרדכי שמואל קאהן הי"ו:** דער רבי פלעגט געבן פאר יודען, און ער פלעגט זאגן, אז מען זאל נישט זאגן פאר רבי אלתר שמואל אז ער האט שוין געגעבן.

**רבינו:** נתון תתן (דברים טו-י), א נתינה בכפלים.

**האדמו"ר מסקולען:** איך האב געזען פונעם **ויגד יעקב** (מכתבים), אז מען זאגט חזק 'ויאמץ' לבך (תהלים כז-יד), עס וואלט געדארפט שטיין חזק 'ואמץ' לבך. האט ער געזאגט, מען דארף זיך מחזק זיין, און נאכדעם העלפט שוין דער אייבערשטער, ויאמץ לבך. א יוד דארף טון, און נאכדעם טוט שוין דער אייבערשטער.

**רבינו:** באתערותא דלתתא איתער עובדא דלעילא (זוה"ק ח"ג לא:). ווען מען טוט חסד דא, קומט אראפ א חסד פון אויבן.

**האדמו"ר מסקולען:** עס איז געווען יעצט א ברית, דם פסח און דם מילה איז דאך מסירת נפש, אין דעם זכות איז מען ארויס פון מצרים. עס שטייט פון צדיקים, אז ביי די צוויי מצות שטייט אין די תורה א עונש כרת, איז מרובה מדה טובה, אז עס איז מסוגל לחיים.

**רבינו:** פון **חידושי הרי"ם** שטייט אזוי.

דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער אויך, מען זאל קענען להגדיל תורה ולהאדירה. מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת, עס זאל גרינג אנקומען, עס זאל זיין מיט אסאך נשיאת חן, און עס זאלן נתקבל ווערן אלע תפלות וואס מען בעהט, לרחמים ולרצון.

**האדמו"ר מסקולען:** מען זאל קענען טון א נחת רוח פארן אייבערשטען.

פארן רב אויך אריכת ימים ושנים טובות, מען זאל קענען אסאך קינדער מכניס זיין בבריתו של אברהם אבינו. מען זאל קענען משפיע זיין תורה ויראת שמים, מיט חסד ברוחניות ובגשמיות.

**ונפרדו לשלום**

*

אחר כך עבר **רבינו שליט"א** לביקור אצל אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א.**

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו** (פנה להרה"ח רבי **משולם יאקאבאוויטש** הי"ו שנכח שם): עס האט זיך אנדערש געזאגט די הגדה היי יאר.

**הר"ר משולם:** מען האט בכלל נישט געגלייבט אז עס איז דא אזא מציאות אז עס קען היינט זיין אזא זאך ווי יציאת מצרים, דארף מען גלייבן אז משיח קען קומען אויך.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו 'כאילו' הוא יצא ממצרים. ער איז נישט געווען חייב 'לראות' את עצמו, עס איז געווען בפועל.

**רבינו:** עס איז דא צוויי פשטים אין די ראשונים, לראות צו להראות (עיין **בויגד משה** סימן כ"ב אות כ"א).

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער **תניא** (ריש פרש מ"ז) גיט צו נאך א ווארט, כאילו 'היום' יצא ממצרים. פאראיאר האט ער שוין אויך געפראוועט א סדר, דאס איז נישט אזוי ווי די פאריריגע, נאר כאילו 'היום' יצא ממצרים. דער **תניא** גיט צו די ווארט היום. (ועיין עוד **בשלחן ערך הרב** (סימן תע"ב סעיף ז') שכתב כאילו הוא 'עתה' יוצא משיעבוד מצרים ע"ש).

**הר"ר משולם:** דער **תניא** (שם) זאגט, בכל יום ויום חייב לראות וכו'.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** מה אשיב לה' כל תגמולוהי עלי.

**רבינו:** יעדן טאג איז דא א מצוה פון זכירת יציאת מצרים. דאס איז דער נקודה דערפון, צו עס מיינט אז מען זאל געדענקן דאס עצם יציאת מצרים, צו כאילו הוא יצא ממצרים, דאס שרייבט דער **תניא** בכל יום ויום.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס שטייט (דברים טז-ג) למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים. דו דארפסט געדענקן את 'יום' צאתך מארץ מצרים, עס שטייט נישט אז 'דו' ביסט ארויס.

**רבינו:** עס שטייט צאת"ך.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס שטייט נישט אז דו ביסט 'היינט' ארויסגעגאנגען.

**רבינו:** נישט היינט, אבער דו.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז דא אסאך חילוקים צווישן פסח אויפדערנאכט און א גאנץ יאר. איך ווייס נישט צו דאס איז אויסגערעכנט צווישן די חילוקים. קען זיין אז דאס אליין איז נישט מן התורה, אפילו פסח אויפדערנאכט איז ער אויך יוצא אפילו

ער האט זיך נישט געמאכט כאילו 'ער' איז ארויסגעגאנגען פון מצרים. אויב ער דערציילט יציאת מצרים, אז דער אייבערשטער האט אונז ארויסגעפירט פון מצרים, מיט דריי טויזנט יאר צוריק, איז אפשר אויך גוט.

**רבינו:** אפשר איז עס א חלק פונעם חירות, וואס ער דארף ווייזען די נאכט כאילו הוא יצא ממצרים, דאס איז חירות.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער קען האבן חירות פון דעם אליינס אז זיינע עלטערן זענען ארויס פון מצרים. ער פרייט זיך מיט דעם אליינס, ער קען זאגן וואס שטייט אין די הגדה ואילו לא הוציא הקב"ה את אבותינו ממצרים, הרי אנו ובנינו ובני בנינו משועבדים היינו לפרעה במצרים, און ב"ה אז דער אייבערשטער האט ארויסגענומען דעם זיידן פון מצרים.

**ונסתובב השיחה בענין איחור זמן התפלה**

**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך האב געהערט נעכטן א גוט ווארט פון מיין מחותן **רבי אברהם סעקולא שליט"א**. ווען רבקה איז געקומען שטייט אין פסוק (בראשית כד-סג) ויצא יצחק לשוח בשדה, און רבקה האט אים געזעהן און זי האט געפרעגט, מי האיש הלזה ההולך בשדה לקראתנו, ויאמר העבד הוא אדוני. עס שטייט אין די גמרא (ברכות כו:) אז אברהם אבינו האט מתקן געווען שחרית, און יצחק האט דעמאלטס מתקן געווען תפלת מנחה. רבקה האט נאכנישט געוואוסט פון קיין מנחה, עס איז נאכנישט געווען די תקנה, זי האט נאר געוואוסט פון די תקנה פון אברהם אבינו אז מען דארף דאווענען שחרית. פלוצלינג זעהט זי אז איר חתן דאווענט פיר אזייגער נאכמיטאג, ער איז יענע פעניאק, פיר אזייגער גייט ער דאווענען שחרית. האט זי געפרעגט וואס איז דאס, יעצט שטעלט מען זיך דאווענען?! האט איר אליעזר געזאגט, הוא אדוני, דאס איז נישט אברהם אבינו'ס תפלה, שחרית האט ער שוין לאנג געדאווענט, דאס איז זיין אייגענע תפלה, ער האט מתקן געווען תפלת מנחה. עס איז א שיינער צחות.

**רבינו:** ווען ער וואלט געדאווענט א גאנצע טאג שחרית, וואלט ער נאר געקענט מתקן זיין מעריב...

*

**רבינו:** מען האט מיר געפרעגט, צו ביי ברך, ביים בענטשען, האלט יעדער דעם כוס אין די הענט, צו נישט?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אזוי שרייבט ער אין **ויגד משה** (סימן כ"ט אות ה'), אז אלע מסובין האלטן דעם כוס (וכן נוהגין אצל **רבינו שליט"א**).

**רבינו:** ביי אשר גאלנו?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אויך.

**רבינו:** איך האב געזען יעצט אין **מחזור דברי יואל**, אז ביי אשר גאלנו האט ער צוגערירט מיטן פינגער, און נאכדעם אוועקגענומען די פינגער אויך. נגע בכוס בקצות אצבעותיו לרגע.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז א פלא. דאס קען איך דערהערן אז ער כאפט נאר אן דעם כוס, און ער נעמט עס נישט אין די הענט, אבער נאר אין אנפאנג איז א פלא.

**עיינו בשולחן ערוך בפנים** (סימן תע"ג סעיף ז') **שכתב המחבר: וכשיגיע ללפיכך מגביה כל אחד כוסו עד שחותם גאל ישראל.**

**רבינו:** עס שטייט אין שלחן ערוך אויך 'מגביה'. - אונז טו מיר ממילא נישט אזוי, אונז האלט מיר נישט דעם כוס ביי הלל.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אונז כאפ מיר נישט אן א גאנצע צייט. על פי שלחן ערוך דארף מען פון לפיכך אנכאפן דאס כוס.

**רבינו:** ביי לפיכך האט דער טאטע ז"ל נאר אנגעכאפט פון די זייט. און ביי הלל אינגאנצן נישט. און שפעטער ביי אשר גאלנו האט ער אויפגעהויבן, און געזאגט שטייענדיג. דער **סאטמארער רב** האט געזאגט אשר גאלנו בישיבה.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער טאטע ז"ל האט מיר געזאגט, אז דער זיידע (הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל) האט געזאגט זיצענדיג. און דער מאקאווא זיידע האט געזאגט שטייענדיג. איך געדענק נישט ביי וועלכע פרט עס איז געווען. די באבע (א"ח של **הגה"ק דומ"ץ מאקאווא זצ"ל**) איז געווען א יודענע אזוי ..., און זי איז געזיסן ביים סדר ביים טאטן, און זי האט זיך אנגערופן (שיאמרנה בעמידה).

**הרב רבי יהושע:** ביי הא לחמא עניא, איז אויך דער סערדאהעלער זיידע געזעסן, און דער מאקאווע זיידע האט עס געזאגט שטייענדיג (וכן נוהג **רבינו שליט"א** לאמרו בעמידה).

**הגה"צ מסערדאהעלי:** על פי שלחן ערוך דארף מען אלעס זאגן זיצענדיג, וואס עפעס שטיין?! עס איז שמונה עשרה וואס איז בעמידה?! עס איז געווען פלעצער וואו מען האט געזאגט שטייעדיג. דער **ערוגות הבשם** און דער **קרן לדוד** האבן געזאגט הלל

שטייענדיג. פון לפיכך ביז נאך גאל ישראל איז מען געשטאנען.

**רבינו:** עס איז א שאד צו בלייבן דא, איך זעה אז מען שטערט דיך פון לערנען (שהיו פתוח לפניו כמה ספרים כשרבינו שליט"א הגיע).

**הגה"צ מסערדאהעלי:** גדולה שימושה יותר מלימודה..

**ונפרדו לשלום**

*

כמו כן ביקר **רבינו שליט"א** אצל הר"ר **יוסף עזריאל שטערן הי"ו**.

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בן הר"ר **שמואל זאנוויל מארקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יקותיאל יהודא** (לייבי) **פריינד** הי"ו.

*

***שביעי של פסח***

בליל שביעי של פסח ערך **רבינו שליט"א** את השלחן בבית מדרשנו. אחר שזימרו ניגונים לכבוד החג השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בענין ניסי קריעת ים סוף, וגודל מעלת השירה להשי"ת. אחר כך עמד **רבינו שליט"א** לאמירת השירה פסוק בפסוק, ובסיום השירה רקדו כל הקהל ניגוני שמחה לכבוד היום. אחר ברכת המזון עברו קהל אנ"ש לקבל מצה (ביזת הים) מאת **רבינו שליט"א**.

*

***שבת קודש – אחרון של פסח***

בשעות הערב נטל **רבינו שליט"א** ידיו לסעודה שלישית ונעילת החג. אחר שזימרו ניגוני סעודה שלישית, המשיכו לזמר כל סדר ההגדה, ואחר כך ניגוני התעוררות ודביקות.

**רבינו שליט"א** השמיע דברות קודש בגודל השראת השכינה ששורה בימי הפסח וכל אחד עולה במדרגתו במשך החג בהשגה יתירה. ולהתעצם באמונה שלימה להרגיש בכל מאורע ומצב כי מאת ה' היתה זאת, מקור הטוב והחסד, ומקבל הכל בשמחה. והמשיך את דבריו בדברי מוסר והדרכה לימי הקיץ, וזה תוכן הדברים: די נסיונות היינט זענען זייער גרויס, אזוי גרויס ווי עס איז געווען אין מצרים, און אפשר נאך גרעסער. עס איז היינט אסאך גרינגער צוצוקומען צו א עבירה, ווי מען איז אמאל צוגעקומען דערצו. יעדער מענטש האט זיך זיינע נסיונות, און אויף דעם איז נישט דא קיין עצה, נאר דאס וואס די גמרא (ברכות ה.) זאגט, לעלם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע. און אז עס גייט נישט, און ביי רוב מענטשען גייט עס נישט, יעסוק בתורה, זאל ער עוסק זיין בתורה, שנאמר (תהלים ד-ה) אמרו בלבבכם, זאגטס אין ענקער הארץ. תורה לערנט מען, עס איז א אמירה צו זאגן מיטן מויל. אבער וואס איז דער 'בלבבכם', אז עס זאל זיין יעסוק בתורה.

**א** יוד דארף וויסן, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל.), **א יוד דארף האבן א שיעור יעדן טאג אין לימוד התורה. א טאג וואס ער לערנט נישט קיין תורה, קען ער נישט ניצל ווערן פונעם יצר הרע.** אונז האב מיר נישט די כוחות אז מיר זאלן זיך קענען מתגבר זיין. הלואי נאכן לימוד התורה זאלן מיר זיך קענען מתגבר זיין. יעדער יוד דארף זיין דבוק אין תורה, האבן א שיעור צו לערנען תורה. אין אדם לומד אלא במקום שלבו חפץ (ע"ז יט.). איך האב שוין כמה פעמים גערעדט, **עס איז היינט דא חבורות, און יעדער קען זיך צופאסן צו סיי וועלכע חבורה עס איז אים צוגעפאסט צום הארץ.** ביי אונז איז דא די חבורה פון 'ובהם נהגה' וואס מען האלט יעצט אינמיטן מסכת יומא, אי"ה ערב יום הקדוש דארף מען צו ענדיגן די מסכתא. מען דארף נישט ווארטן ביז א אנהייב פרק, נאר אנהייבן תיכף מארגען. אנהייבן לערנען, קובע זיין זיך צו לימוד התורה.

**כל** העוסק בתורה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה (מנחות קי.). עס שטייט אין **תפארת שלמה** (לשמיני עצרת ד"ה מראשית) אז וועגן דעם איז שמחת תורה נאך די הייליגע טעג, ווייל ווען עס גייט אדורך די הייליגע טעג, איז א מענטש צובראכן. מען האט געהאט אזעלכע גרויסע טעג, וואס מען איז געווען פארנומען מיט די מצות, א ראש השנה, א יום כיפור, א סוכות, און מען גייט ארויס צו א לאנגע ווינטער, צו וואכעדיגע טעג. כדי א יוד זאל זיך קענען מחזק זיין, זאגט מען אים, דו זאלסט וויסן אז דו קענסט האבן די אלע מצות א גאנץ יאר אויך. ווען א יוד איז עוסק אין די מצוה, ווערט עס גערעכנט כאילו ער האט מקיים געווען די מצוה. און ער רעכנט אויס, אז שופר קען מען מקיים זיין ראש השנה, אבער דו קענסט מקיים זיין מצות שופר שטענדיג. ווען דו

ווערסט לערנען די הלכות פון שופר, איז כאילו דו ביסט מקיים די מצוה פון שופר. זאגט ער, יום כיפור קענסטו יעדן טאג האבן ביי דיר יום כיפור. אז דו וועסט לערנען מסכת יומא, דו וועסט לערנט הלכות יום הכיפורים, ווערט עס גערעכנט כאילו דו טוסט די עבודה אין בית המקדש. מען קען יעדן טאג האבן א יום כיפור. כדי א מענטש זאל זיך מחזק צו זיין נאך יום טוב, האט מען געגעבן שמחת תורה, צו וויסן אז דורך די תורה קענסטו צוקומען צו די אלע טעג וואס איז אדורכגעגאנגען מיט אזויפיל מצות, קענסטו מיט תורה צוקומען דערצו שפעטער.

**איך** וויל ארויסברענגען די נקודה דערפון. געוועהנליך לערנט מען, אז ווען עס איז די טאג פון די מצוה, ער דארף בלאזן שופר, און ער קען נישט בלאזן קיין שופר, זאגט מען, אויב דו ביסט א אונס, און דו קענסט נישט בלאזן שופר, ונשלמה פרים שפתינו, זכרון תרועה, אז דו וועסט מזכיר זיין תרועה, וועט עס דער אייבערשטער רעכענען כאילו דו האסט געבלאזן שופר. דער **תפארת שלמה** זאגט אבער, אז נישט נאר ווען מען האלט אין דעם טאג קען מען עס משלים זיין מיט ונשלמה פרים שפתינו, נאר א גאנץ יאר, ווען א מענטש לערנט א מצוה, קען ער מקיים זיין מצות שופר יעדן טאג אינעם יאר. ער קען מקיים זיין אז יום כיפור זאל ער האבן יעדן טאג אין יאר. אז מען לערנט הלכות יום הכיפורים, איז ביי אים יום כיפור יעדן טאג.

*

**רוב** ציבור לערנט טאקע, אבער עס איז נישט גענוג אז מען לערנט, מען דארף לערנען מיט בחינות. ווען א מענטש לערנט נאר א שיעור, האט ער אפגעלערנט דעם שיעור, און נאכדעם פארגעסט ער וואס ער האט געלערנט, און זיין קאפ איז שוין נישט אין לערנען. אבער **ווען ער דארף זיך פארהערן יעדן חודש אויף דעם וואס ער האט געלערנט, דעמאלטס לערנט ער אנדערש, ער לערנט עס מיט כוונה, ער ליגט אינעם לימוד וואס ער לערנט, און ער טראכט שטענדיג פונעם לערנען. אפילו ער ליגט אין בעט, צו ער גייט אין ארבעט, צו אויף די גאס, קען ער איבער'חזר'ן די שקלא וטריא פון די גמרא וואס ער האט היינט געלערנט, איינמאל, און צוויי מאל, און דריי מאל, די קאפ ליגט אים אין לערנען. די תורה, וואס א מענטש ליגט אין תורה שטענדיג, דאס איז מציל פונעם יצר הרע.** די שעה וואס מען לערנט תורה איז אוודאי אויך א הצלה, אבער נישט דאס איז די ריכטיגע כח אקעגן דעם יצר הרע, ווייל ווען ער הערט אויף צו לערנען איז נישט דא די כח התורה. מען דארף לערנען תורה אויף אזא אופן, וואס מען זאל דארפן שטענדיג טראכטען פון דעם וואס מען האט געלערנט. ווען מען זאגט 'יעסוק' בתורה, שנאמר אמרו בלבבכם, איז נישט גענוג 'אמרו', אז ער האט נאר געזאגט די ווערטער, נאר אמרו, זאג די ווערטער, און בלבבכם, נאכן זאגן זאלסטו עס האלטן ביי דיר אין הארץ, טראכטן אין דעם וואס מען האט געלערנט תורה, און דורכדעם וואס מען וועט לערנען, און טראכטען פון די תורה וואס מען האט געלערנט, ווען מען צוקומען דערצו אז מען זאל קענען מנצח זיין דעם יצר הרע.

**לא** נצחו, אז די תורה נוצט נישט, יקרא קריאת שמע. ווען א יוד שטייט אויף אינדערפרי, און ער דאוונט, און ער זאגט קריאת שמע, צולייגן א כוונה אינעם קריאת שמע, נישט אפכאפן די קריאת שמע. שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, מכוון זיין, ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך. **און אפילו נישט ביים דאוונען, ווען ער טראכט איבער די ווערטער, סיי אינמיטן טאג, האט עס אלץ א כח וואס איז מציל פונעם יצר הרע.**

**ועל** כולם יזכיר לו יום המיתה, עס וועט קומען אמאל וואס מען וועט אפגעבן א דין וחשבון אויף אלעס וואס מען טוט. און מען דארף זיך פארשטעלן כאילו עס איז יעצט זיין יום המיתה, וואס אלע גשמיות'דיגע חשבונות הערן זיך אויף אין דעם טאג. אלעס איז נאר מיט איין ציל, ווי אזוי געב איך צוריק מיין נפש פארן אייבערשטען. ווען מען גייט אויף א פלאץ וואו ער האט א נסיון, דארף ער טראכטן ויהי כהיום הזה, ער האלט יעצט ביי דעם טאג, און אזוי זאל ער ויבא הביתה לעשות מלאכתו, אזוי זאל ער אריינקומען טון די מלאכה.

*

**עס** קומען זומער טעג, די נסיונות זענען אסאך גרעסער ווי אין משך פונעם יאר. עס איז זייער שווער אז מען זאל זיך אכט געבן געהעריג. אבער א מענטש איז מחוייב צו טון וואס ער קען. אויב ער ווייסט פון א פלאץ וואס ער האט נסיונות, זאל ער

זיך נישט דרייען דארט, און עס זוכן אויסצומיידן. די היינטיגע כלים, מען דארף עס נישט איבער'חזר'ן, מען האלט אין איין רעדן דערפון, **אויב מען האט נישט קיין געפילטערטע טעלעפאן ביי זיך, סוף כל סוף ווערט מען נכשל.** מיר זענען נישט קיין מלאכים, מיר האבן נישט די כוחות הנפש אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין. מען האט שוין גערעדט, נישט נאר זאכן וואס דארפן האבן א פילטער, נאר **אפילו עס איז געפילטערט, עס איז משומר, די בעסטע וואס איז דא וואס מען קען ארויפלייגן. אז מען ליגט דערין, ליגט מען נישט אין תורה.** און מען דארף זיך אפגעוואוינען, אז דאס דארף איך נישט האבן נאר פאר געוויסע זאכן וואס איך דארף פאר מיין פרנסה, צו פאר אנדערע זאכן וואס זענען אים וויכטיג וואס ער באנוצט זיך דערמיט, אבער אויסער דעם, **איך וויל נישט האבן קיין סאשע"ל מידי"א, איך דארף נישט האבן די נייעס צו וויסן פון יעדן איינעם, און זיין אויסגעמישט מיט יעדן אינעם.** געב אוועק די טייערע צייט פאר תורה, מען וועט דאך אמאל אפגעבן דין וחשבון אויף אלעם וואס איז אדורכגעגאנגען. געב אוועק די צייט צו ליגן אין לערנען, קונה זיין ביי זיך חיי עולם הזה און חיי עולם הבא. **וואס פאר א גוטע געשמאק איז עס, אז נאך א חודש גייט אדורך, און ער האט זיך פארהערט אויף אלעס וואס ער האט געלערנט, און ער ליגט אינעם לערנען. וואס פאר א שמחה ער האט, ווען ער ענדיגט שפעטער א גאנצע מסכתא, צו ער ענדיגט א פרק, עס לאזט זיך דאך גארנישט זאגן די חיי עולם הזה.** עס איז א שאד אז מען זאל אוועקגעבן אזויפיל צייט, און אזויפיל שעות פאר נארישקייטן. ליגן אין לערנען איז די איינציגסטע שמירה.

*

**עס** קומט זומער, יעדער בדרך כלל זוכט א פלאץ וואו מען גייט אוועק אינעם זומער. הרבה חברותא עושה (סוטה ז.). **א גרויס חלק ווי אזוי דער זומער זאל אדורכגיין, ווענדט זיך אין וואס פאר א חברותא מען איז. אויב מען גייט אויף א פלאץ וואו עס איז דא א שוואכע עולם, ווערט מען אראפגעריסן, מען ווערט אראפגעשלעפט,** מיר האבן נישט די כוחות הנפש זיך צו שלאגן אויף יעדע זאך. וואס דער חבר טוט, טוט מען נאך. ער האט נישט איינער וואס זאל אים צוריקהאלטן פון טון. **מען דארף זיך אויסקלויבן צו גיין אויף א פלאץ וואו עס איז נאר דא בני תורה.** דעם זעלבן וויקעשא"ן קענסטו האבן אויף א ערליך פלאץ, אין א פלאץ וואס מען נוצט אויס פאר תורה און עבודת ה', עס איז אויסגעשטעלט ערליך. **און כל שכן ווען ער קען גיין אויף א פלאץ וואו עס איז דא א תלמיד חכם, א רב צו א דיין, וואס געפונט זיך דארט, וואס לאזט איבער א השראה אויפן גאנצן מקום, אויף אזא פלאץ קען מען נישט טון אלעס וואס מען טוט ערגעץ אנדערש.** יעצט איז די צייט זיך מתבונן צו זיין. איין שלעכטע טריט וואס ער מאכט, ווען ער גייט אוועק אויפן זומער, און ער איז דארט צוויי חדשים, ער ווייסט גארנישט וואס פאר א רושם עס לאזט איבער שפעטער. דאס איז אונזער עבודה, אונז זאל מיר קענען זיך מתגבר זיין אויף די מכשולות וואס דער זומער ברענגט מיט זיך.

**זאל** דער אייבערשטער העלפן, אז די געוואלדיגע אור וואס איז אראפגעקומען פסח אויף יעדן איינעם, יעדער איינער איז געטוישט געווארן אינעם פסח פון וואס ער איז געווען. יעדער איינער איז נתעלה געווארן אין פסח פון וואס ער איז געווען. יעצט דארף מען צוזאמנעמען אין זיך אלע הייליגע מחשבות וואס מען האט געהאט. מחשבות פון דביקות בה', מחשבות פון אמונה אינעם אייבערשטען. **יעדער גלייבט אינעם באשעפער, אבער אז עס זאל לייכטן ביי אים, עס זאל זיין ביי אים ווי א זאך וואס ער זעהט פאר די אויגן. ער קען נישט טון א עבירה ווייל דער אייבערשטער שטייט דא נעבן מיר. שויתי ה' לנגדי תמיד, לעבן מיט אמונת ה', אז אלעס קומט פונעם אייבערשטען, עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס האט אליין פאסירט, עס איז נישט קיין מקרה, יעדע פראבלעם קומט פונעם אייבערשטען, און יעדע ברכה וואס ער האט קומט פונעם באשעפער. ווען א מענטש לעבט מיט דעם, דאווענט ער אנדערש, ווייל ער ווייסט אז איין אדרעס האט ער פאר אלעם. די אדרעס פון תפלה נוצט אויף פרנסה, דאס נוצט פאר געזונט, דאס נוצט פאר נחת. איין פלאץ וואו ער דארף צוקומען, אויב ער טרעפט חן אין די אויגן פונעם אייבערשטען, האט ער אלעס.** ווען עס לייכט ביי אים די אמונה, דעמאלטס קען מען צוקומען צו דעם.

**דאס** איז דער יום טוב פון פסח, עס דארף אריינשיינען אין א יודיש הארץ אמונת ה', און דאס דארף מען מיטנעמען מיט זיך אויף נאך יום טוב.

למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך (דברים טז-ג), עס דארף בלייבן אויפן גאנצן לעבן שפעטער. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען מיטנעמען די השפעות פונעם יום טוב. והשיאנו ה' אלקינו את ברכת מועדיך לחיים ולשלום, יעדע יום טוב האט אין זיך א ברכה וואס דער אייבערשטער גיט אונז, והשיאנו, מען זאל זיך קענען אנלאדענען מיט די ברכת מועדיך פונעם יום טוב.

**אויף** פרנסה שטייט עקסטער אז פסח איז מען דן אויף די תבואה (ראש השנה טז.), פרנסה איז תלוי אינעם יום טוב פון פסח. ביי שביעי של פסח ווערט דערמאנט אין די תורה (שמות יב-טז) אוכל נפש. עס שטייט אין **בני יששכר** (ניסן יג-ב) אז וועגן דעם ווערט עס דערמאנט דא, ווייל דאס איז די טאג וואס עס ווערט נשפע. קשה מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף, זאגט די גמרא (פסחים קיח.). און אז היינט איז געווען קריעת ים סוף, איז דא די השפעה פון פרנסה אז עס זאל זיין גרינגער פאר יעדן איינעם. און אפילו ווען עס גייט גוט, זאל עס נישט זיין מיט א פיזור הנפש, אדער מיט עגמת נפש, נאר דער אייבערשטער זאל געבן אז עס זאל אלעס גרינג אנקומען.

**זיווגו** של אדם איז אויך קשה כקריעת ים סוף (סוטה ב.), און אז היינט איז געווען קריעת ים סוף, האט עס א כח אינעם זיווגו של אדם, אז דער אייבערשטער זאל העלפן אז די וואס דארפן א זיווג, און דו וואס האבן א זיווג, און עס דארף זיך אויסגראדן, זאל עס זיין מיט א רואיגקייט, עס זאל ווערן א הרווחה ביי יעדן איינעם אין שטוב. דער אייבערשטער זאל געבן, כימי צאתנו מארץ מצרים אראנו נפלאות, אזוי ווי מיר האבן זוכה געווען צום יום טוב פון פסח, כאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לעשותו, דער באשעפער זאל אונז בקרוב אויסלייזן פון דעם גלות, ושם נשיר שיר חדש, דעמאלטס וועלן מיר זאגן א אנדערע שירה פארן אייבערשטען ווי מיר זאגן היינט. דעמאלטס וועט יעדער זעהן די געוואלדיגע תיקונים וואס איז ארויסגעגאנגען פון זיין לעבן, און צו וואס ער איז אלץ צוגעקומען, וועט דעמאלטס נתגלה ווערן פאר יעדן איינעם. ונזכה ונחיה ונראה, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר ברכת המזון עברו קהל אנ"ש לקבל מצה מאת **רבינו שליט"א.**